# פראפעסיאנאלע דעוועלאפמענט פארבינדן צו געזונט און זיכערהייט פראקטיקן

טשיילד קעיר סטאביליזירונג טיילונג

Child Care Stabilization Grants
Help is on the way

# געלטער קענען העלפן באצאלן:

- געזונט און זיכערהייט טרעינירונג
- מעדיקיעשאן אדמיניסטראציע טרעינירונג (MAT)
- אלערגיעס און אניפילאקסיס טרעינירונג
- CPR און ערשטע הילף
- העלט קעיר קאנסולטענט
- אויפפירונג ספעציאליסט
- פיצל - קליין קינד ספעציאליסט
- נאך שטאב צו צושטעלן שטיצע פאר קינדער און קלאס צימערן



## ECETP געזונט און זיכערהייט און מעדיקעישאן אדמיניסטראציע טרענירונג פראפעסיאנעלע קענען אייך צושטעלן מיט:

- 15-שעה קלאס צימער געזונט און זיכערהייט פאר FDC, GFDC און SACC און DCC צענטער שטאב
- 15-שעה קלאס צימער געזונט און זיכערהייט פאר איינגעשריבענע לעגאלע עקזעמפט דירעקטארס, און SACC און DCC דירעקטארס
- מעדיקעישאן אדמיניסטראציע טרענירונג, אדער MAT, קלאס צימער קורס אדער זעלבסט שטודירן קורס

עס זענען דא קאסטן פארבינדן מיט די טרענירונגען וואס קענען ווערן געדעקט מיט די געלטער. מאכט זיכער צו האלטן די ריסיעטס אלס באווייז פון באצאלונג פארבינדן מיט די טרענירונג וואס איר נעמט. אויב די טרענירונג דעקט עטליכע סעסיעס מיט פארבינדענע קאסטן, מאכט זיכער צו באקומען און אוועקלייגן אינפארמאציע פאר אלע סעסיעס.

New York State Office of Children and Family Services

אין 2019, איז ארויסגעקומען אליידזע'ס געזעץ וואס פארלאנגט אלע טשיילד דעיקעיר פראגראמען אין ניו יארק צו נאכפאלגן די אנווייזונגען צו פארמיידן און באהאנדלען עסן אלערגיע אניפילאקסיס.

עסן אלערגיעס זענען די מערסט אפטע אורזאך פון אניפילאקסיס אינדרויסן פון שפיטאל. אנדערע אורזאכן פון אניפילאקסיס שליסן איין אלערגיעס צו אינזעקט ביסן, הונטן, קעצלעך, מעדיצין, און לעיטעקס.

קינדער מיט אלערגיעס קענען אנטוויקלעןביידע מילדע און ערנסטע סימפטאמען וואס קענען שנעל צופירן צו אניפילאקסיס - א מולטי-סימפטאם אלערגישע רעאקציע.
עס מוז שוין באהאנדעלט ווערן צו צושטעלן די בעסטע שאנסן פאר פארבעסערונג און צו פארמיידן ערנסטע, מעגליך לעבנס-דראענדע קאמפליקאציעס.

געלטער אין דעם קאטעגאריע קענען העלפן באצאלן פאר פארמיידן און באהאנדלען עסן אלערגיעס אניפילאקסיס טרענירונג.

OCFS גרייט צו א קורצע טרענירונג וואס וועט זיין אוועילעבל פריי פון אפצאל. עס זענען יעצט פארהאן קאסט-באזירטע טרענירונגען וואס איר קענט אויסוועלן צו נעמען (בעלעי, רויטע קרייץ, קאוד אנא). די טרענירונגען קענען אייך העלפן אנטוויקלען אייער פראגראם פלאן און טרענירן שטאב לויט יענע פלאן ביז די סעפטעמבער 15, 2021 צייט אפשניט אין איינקלאנג מיט די אניפילאקסיס פאליסי ארויסגעגעבן אין דעצעמבער 2020.

CPR און ערשטע הילף ווערןביידע גענוצט אין עמערדזשענסי אומשטענדן צו ראטעווען לעבנס.

אלע פראגראמען זענען פארלאנגט צו האבן כאטש איין שטאב מענטש אנוועזנד וואס איז סערטיפייד אין CPR און ערשטע הילף - פארוואס זאל מען נישט נוצן די געלטער צו טרענירן מער אדער אייער גאנצע שטאב? די טרענירונג און סקילס ראטעווען לעבנס און זענען אויך א גוטע דעטאל צו מיטטיילן מיט פאמיליעס וואס באטראכטן אייער פראגראם.

דער קאטעגאריע וואלט געדעקט סיי וועלכע קאסטן פארבינדן מיט CPR און ערשטע הילף טרענירונג. געדענקט אבער, אזויווי מיט אנדערע געזונט און זיכערהייט און MAT טרענירונג, מאכט זיכער צו האלטן די ריסיעטס אלס באווייז פון באצאלונג פארבינדן מיט די טרענירונג וואס איר נעמט. אויב די טרענירונג דעקט עטליכע סעסיעס מיט פארבינדענע קאסטן, מאכט זיכער צו באקומען און אוועקלייגן אינפארמאציע פאר אלע סעסיעס.

## אנדערע פראפעסיאנעל דעוועלאפמענט טרענירונג אין געזונט און זיכערהייט ענינים נעמען אריין, אבער זענען נישט באגרעניצט צו:

- פֿאַרמיידן און קאָנטראָלירן אנשטעקיגע קראנקהייטן
- פארמיידן פלוצלינגדיגע בעיבי טויט סינדראם (SIDS) און נוצן פארזיכערטע שלאף פראקטיקן
- געביידע און פיזישע ארט זיכערהייט
- פארמיידונג פון שעיקען בעיבי סינדראם און אביוסיוו קאפ טראומע
- טשיילד אביוז און מיס-באהאנדלונג אידענטיפיקאציע און פארמיידונג

NEW YORK STATE Office of Children and Family Services

## אנדערע פראפעסיאנעל דעוועלאפמענט טרענירונג אין געזונט און זיכערהייט ענינים נעמען אריין, אבער זענען נישט באגרעניצט צו:

- האנדלונג פלאנירן פאר עמערדזשענסיס פון א נאטורליכע אומגליק אדער מענטשליך-פאראורזאכטע פאסירונג
- באהאנדלען און אוועקלייגן געפארפולע מאטריאל און די פאסיגע אוועקווארפן פון בייאקאנטאמינענטס
- פאסיגע פארזיכטיגקייט ביים פירן קינדער
- דערקענען און באריכטן טשיילד אביוז און נאכלאזן
- עסן זיכערהייט, אריינגערעכנט צוגרייטן און אוועקלייגן
- טרענירונג איבער וויאזוי צו פארמערן קינדער'ס פיזישע אקטיוויטעט, אזויווי SPAN (סטעיט פיזישע אקטיוויטי און ערנערונג)

SPAN מייסטער טרענירערס שטעלן צו טרענירונג און טעכנישע הילף אויף פיזישע אקטיוויטעט און ערנערונג בעסטע פראקטיקן דירעקט צו טשיילד קעיר פראגראמען.

פאר מער אינפארמאציע פארבינדט זיך מיט זיי אויף:
SPANearlycare@health.ny.gov.
518-408-5142



איר דארפט נישט אריינגעבן רעסיעטס אדער
אינוואויסעס אדער באקומען באשטעטיגונג פון
(פרייער עפרואוועל) פאר די זאכן פון OCFS צו באקומען
אייער גרענט געלטער, אבער איר דארפט יא פארשרייבן
וויאזוי איר געבט עס אויס. איר וועט דארפן האלטן די
שריפטליכע אדער עלעקטראנישע רעקארד פאר כאטש
פינעף יאר.

Office of Children and Family Services

האלט רעקארדס פון וויאזוי איר גיבט אויס די טיילונג געלטער אז איר זאלט קענען ווייזן אז עס איז גענוצט געווארן צו פארבעסערן אייער פראגראם אדער עס העלפן זיך ערהוילן פון די COVID-19 פובליק העלט עמערדזשענסי.

Office of Children and Family Services
NEW YORK STATE

# רעסורסן וואס קענען העלפן:

- רעגולעיטאר
- לאקאלע טשיילד קעיר ריסאורס און רעפערל (CC&R) אגענטור
- איינשרייבן אגענטור
- יוניאן פארטרעטער
- WHEDco
- אוירלי טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרעינירונג פראגראם (Early Childhood Education and Training Program - ECETP)
- העלט קעיר קאנסולטענט
- עליידזשע'ס געזעץ
- בעלעי
- קאוד אנא (Code Ana)
- אמעריקאנער רויטער קרייץ
- אמעריקאנער הארץ אסאסיאציע
- סטעיט פיזישע אקטיוויטעט און ערנערונג (State Physical Activity and Nutrition - SPAN) פראגראם

קוקט אויף די סטאביליזירונג הילף צענטער וועבזייטל פאר מער אינפארמאציע, אפדעיטס, ווידיאס און דעסק געהילפן פאר יעדע פון די 8 טיילונג קאטעגאריעס.

https://ocfs.ny.gov/childcare-stabilization/

NEW YORK STATE | Office of Children and Family Services